ד״ר אליהו שולמאַן

# אויף פרעמדע וועגן

## (נייע פאָרשערס און לערערס פון דער יידישער ליטעראַטור)

.1

מיט אַ צייט צוריק, אין מאַי 1976, האָט דער יידישער פען־צענטער אין ניו־יאָרק אָנגענומען איינשטימיק אַ רעזאָלוציע וועגן דעם יידישן ווייסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ־ ייוואָ. אין דער רעזאָלוציע איז מיט צער דערקלערט געוואָרן, אַז דער ייוואָ, וואָס איז געגרינדעט און געבויט געוואָרן פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ און מיט דער מיטהילף פון יידישע פאָלקס־מענטשן, האָט זיך לעצטנס דערווייטערט פון יידיש, פון דער יידיש־יידישער קולטור און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטיטוציע וואו „יידישע ליטעראַטור ווערט באַהאַנדלט נישט ווי אַ לעבעדיקער פאַקטאָר, נאָר ווי אַ פאַרגליווערטער אָביעקט פאַר פאָרשונג״.

עס ווייזט אויס, אַז דער ייוואָ טוט אַלץ, כדי אויסצומיידן מענטשן פון אונזער סביבה, ווייל זיי שרייבן אויף יידיש און זיינען אַקטיוו אין אונזער יידישן קולטור־לעבן. מען פאַרבעט, ווי עס ווייזט אויס, מענטשן וועמען יידיש און די יידישע קולטור זיינען אין גאַנצן פרעמד. מען פאַרבעט ניט קיין יידישן שרייבער צו לייענען אַ רעפעראַט אויף די ייוואָ־קאָנפערענצן אָדער בכלל אָנטייל צו נעמען אין די אַקטיוויטעטן פון ייוואָ. אויף דער 51סטער יערלעכער קאָנפערענץ (אַפּריל 1977) זיינען קיין יידישע שרייבער ניט פאַרבעטן געוואָרן. די מערסטע רעפעראַטן זיינען געלייענט געוואָרן אויף ענגליש, אָבער מען האָט מיט דעם ניט צוגעצויגן קיין עולם פון דער אַנגלאָ־יידישער סביבה. געקומען זיינען נאָר מענטשן פון דער יידיש־יידישער וועלט. דער עולם איז געווען אַ קליינער, ווייל מען האָט דערשפירט, אַז דער ייוואָ וויל ניט די מענטשן פון אונזער פּעריפעריע.

איך ווייס, אַז 1977 איז ניט 1935 און אַז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע האָט זיך געענדערט, אָבער הגם אונזערע אינסטיטוציעס האָבן זיך געענדערט, האָבן זיי פון דעסטוועגן איינגעהאַלטן מער אָדער ווייניקער זייער כאַראַקטער. דער ייוואָ האָט זיך אָבער אַזוי געענדערט, אַז מען קאָן אים כמעט ווי ניט דערקענען.

פון די אַמאָליקע צייטן איז געבליבן נאָר די ביבליאָטעק, וואו עס ווערן אָנגעהאַלטן דערווייל די טראַדיציעס פון די פריערדיקע צייטן. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אוצרות מאַטעריאַלן פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער מזרח־איראָפּעאישער יידישער קולטור. יעדער איינער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט שטודיעס וועגן די דאָזיקע ענינים, שאַצט אָפּ די ביבליאָטעק. אויך דער אַרכיוו פאַרמאָגט גאָר וויכטיקע מאַטעריאַלן, מיט וועלכע פאָרשער באַנוצן זיך.

.2

דער ייוואָ האָט די לעצטע יאָרן אויפגעבויט די מאַקס וויינרייך־קורסן, וואו סטודענטן פון פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן קענען שטודירן יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור און קרובהשע שטודיעס. פאַר די דאָזיקע קורסן באַקומען זיי קרעדיטן אין גראַדואיר־אָפּטיילונגען פון פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן. די דאָזיקע וויינרייך־קורסן זיינען פאַרבונדן מיט דער אַטראַן־קאַטעדרע ביי דער לינגוויסטישער אָפּטיילונג פון קאָלומביע ־ אוניווערזיטעט און דער דעקאַן פון ביידע, פון דער אַטראַן ־ קאַטעדרע און דעם וויינרייך ־ צענטער איז דער זעלביקער מענטש, מ. הערצאָג.

דער וויינרייך־צענטער אין ייוואָ איז פאָרמעל אין אַ געוויסן זין אַ המשך און אַן אַנטוויקלונג פון דער אַספּיראַנטור ביים ייוואָ אין ווילנע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין 1935. די אַספּיראַנטור איז געווען כמעט דאָס זעלביקע וואָס מען רופט אין אַמעריקע גראַדואיר־שול, הגם קיין אָפיציעלע אַקאַדעמישע דיפּלאָמען האָט די ווילנער אַספּיראַנטור ניט געקענט געבן. די מערסטע אַספּיראַנטן זיינען געווען אַביטוריענטן פון אוניווערזיטעטן אָדער זיי זיינען גלייכצייטיק געווען סטודענטן אין פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן און אין דער אַספּיראַנטור. אויסנאַמען זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר יידישע שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין פאָרשערישע שטודיעס.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין אַן אַספּיראַנט דעמאָלט אין ייוואָ אין ווילנע, און נאָך אַצינד פיל איך דעם ענטוזיאַזם פאַר יידיש און פאַר דער יידישער ליטעראַטור וואָס עס האָט געהערשט אויף דער אַספּיראַנטור.

אויף דעם סיום־באַנקעט האָט מאַקס וויינרייך געזאָגט, אַז די אַספּיראַנטור שטעלט זיך דעם ציל צוצוגרייטן ניט בלויז פאָרשער, נייערט אויך קולטור־טוער און בויער, וואָס זאָלן אומעטום, וואו זיי וועלן שפּעטער וואוינען, זיין אַקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן.

אָבער אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט דער

מאַקס וויינרייך־צענטער ביים ייוואָ היינט. בשעת די לעקטאָרן אויף דער אַספּיראַנטור אין ווילנע זיינען געווען מענטשן פון דער יידיש־וועלטלעכער סביבה, ווערן אין מאַקס וויינרייך־צענטער פאַרבעטן ווי לעקטאָרן מענטשן, וואָס זיינען ווייט פון אונזער פּעריפעריע. די דאָזיקע מענטשן זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין יידיש און אין דער יידיש־יידישער קולטור. אָפט זיינען זיי ביטערע שונאים פון יידיש. מען טוט עס מיט אַן אויסרעכענונג, כדי אויסצומיידן יידיש־אָריענטירטע געלערנטע.

די וואָס שטודירן אויף די וויינרייך־קורסן שרייבן זייערע סעמעסטער־עסייען און פאָרשונגען אויף ענגליש. מען זעט זיי ניט אויף אונזערע קולטור־אונטערנעמונגען און זיי האָבן ניט די מינדסטע פאַרבינדונג מיט אונזער וועלט. במילא האָבן זיי ניט קיין השפעה אויף אונזער קולטור־לעבן אָדער אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. מען זעט אויך ניט די אַלע פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן פון וויינרייך־צענטער ביי אונזערע אסיפות אָדער צוזאַמענקונפטן. זייער ווירקונג אויף דעם יידישן קולטור־לעבן איז זעראָ. אויף דעם מאַקס וויינרייך־צענטער, פונקט ווי אויף דעם ייוואָ, ליגט אַ קאַלטע האַנט, וואָס דערלאָזט ניט, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס זאָלן שפּילן יענע ראָל אין אונזער קולטור־לעבן, וואָס זיי דאַרפן שפּילן.

## 3.

דער ייוואָ און דער מאַקס וויינרייך־צענטער געפינען זיך אין ניו־יאָרק, אָבער די ריכטונג ווערט געגעבן אין ירושלים און דער גייסט און כאַראַקטער פון דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערזיטעט דאָמינירן די אַלע אַרבעטן און אַקטיוויטעטן פון ייוואָ און וויינרייך־צענטער. דער הויפּט בעל־דעה איז ד״ר חנא שמערוק, דער פּראָפעסאָר פון דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

אויף דער פריער דערמאָנטער ייוואָ־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַפּריל 1977, האָט דעם הויפּט־רעפעראַט געהאַלטן ד״ר דוד ראָסקעס. זיין טעמע איז געווען „הויפּטשטראָמען פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג״.

ד״ר ראָסקעס האָט דערקלערט, אַז „זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ישראל געוואָרן דער נייער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג״ און אַז עס האָבן דאָרטן זיך פאָרמירט דריי הויפּט־שטראָמען אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג. איין שטראָם פאַרנעמט זיך מיט די אינעווייניקסטע טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור און דער הויפּט־פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז טאַקע פּראָפעסאָר חנא שמערוק. אַ צווייטער שטראָם „זעט די יידישע ליטעראַטור דורך דער פּריזמע פון די נייע קריטישע טעאָריעס״ און דער הויפּט־פאָרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז דן מירון, אויך אַן ארץ ישראלדיקער, אַ העברעאישער שרייבער, וואָס זאָגט אַז ער קאָן קיין יידיש ניט רעדן און שרייבן. ער איז אָפט אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אויף די וויינרייך־קורסן. איידער מיר וועלן רעדן וועגן שמערוקס און מירונס צוגאַנגען צו דער יידישער ליטעראַטור — לאָמיר ראשית באַטראַכטן ראָסקעסעס צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור.

ד״ר ראָסקעס איז אַן אַסיסטענט פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין דעם לערער־אינסטיטוט ביי דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, און אַ לערער פון יידישער ליטעראַטור אויף די וויינרייך־קורסן. דער קאָמוניקאַט פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר דערקלערט, אַז „ד״ר ראָסקעס, דער יונגער אַסיסטענט־פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויסגעפלאַנירט דעם פּראָגראַם, זאָגט צו, אַז דאָס וועט זיין צום ווייניקסטן אַ פאַרזוך צו ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור פון אירע פּאָפּולאַריזאַטאָרס, סענטימענטאַליסטן און שלעכטע איבערזעצער און צוריק זי שטעלן אין דעם הויפּט־שטראָם פון יידישן קולטורעלן אויסדרוק״. (פאָרווערטס, 18־טער אַפּריל 1977). דער קאָמוניקאַט זאָגט ניט ווער עס זיינען די פּאָפּולאַריזאַטאָרס און די סענטימענטאַליסטן, נאָר אַזוי ווי וועגן דער יידישער ליטעראַטור האָבן געשריבן בעל־מחשבות, ש. ניגער, ישראל צינבערג, זלמן רייזען, מאַקס וויינרייך, מאַקס עריק, י. י. טרונק — מוז ער זיי מסתמא מיינען.

ד״ר ראָסקעס האָט אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע וועגן אייזיק מאיר דיק. זיין דיסערטאַציע האָט ער געשריבן אונטער דער השפעה פון דן מירונס פאָרמאַליסטישן צוגאַנג. ראָסקעס דערקלערט טאַקע אַז די רוסישע פאָרמאַליסטישע קריטיקער האָבן געהאַלטן, אַז ליטעראַטור געפינט זיך תמיד אין אַ פאַרענדערלעכן, פליסיקן מצב און אַז ליטעראַטור בייט איר כאַראַקטער אָדער ענדערט זיך אין יעדן דור. דאָס איז ריכטיק, אָבער די רוסישע פאָרמאַליסטן גיבן זיך אָפּ בעיקר מיט פאָרעם. פאָרעם איז געוויס וויכטיק, אָבער חוץ פאָרעם איז דאָ אויך אינהאַלט. און אינהאַלט ביי די פאָרמאַליסטן איז פון צווייטער אָדער נאָך קנאַפּער באַדייטונג. ראָסקעס פאַרנעמט זיך דעריבער אין זיין שטודיע וועגן דיקן מער מיט דער אויסערלעכער פאָרעם פון זיין שרייבן, ווי מיט דעם אינהאַלט פון זיינע ווערק גופא.

ער גיט זיך אָפּ זייער אַ סך מיט דער שפּראַכן־פראַגע אין דער השכלה־צייט און דערציילט ווי די משכילישע שרייבער האָבן זיך באַצויגן צו זשאַרגאָן (יידיש), ווי זיי האָבן געהאַסט דעם זשאַרגאָן, ווי זיי האָבן געבעטן מחילה פאַר שרייבן אויף זשאַרגאָן — זיי האָבן געהאַלטן, אַז שרייבן זשאַרגאָן איז מיאוס און זיי האָבן געהאָפט, אַז דער זשאַרגאָן וועט

בקרוב פאַרניכטעט ווערן. ראָסקעס דערמאָנט ווייטער: דיק האָט געהאַלטן, אַז כדי צו פאַרניכטן דעם זשאַרגאָן, מוז מען זיך באַנוצן טאַקע מיט זשאַרגאָן. מען קאָן דאָס ניט טאָן מיט העברעאיש, ווייל העברעאיש איז אַן איידעלע שפּראַך. ער גיט איבער, אַז דיק האָט פאַרזיכערט — „אַן אַלטע געביידע קאָן מען ניט פאַרניכטן מיטן שפּיץ פון אַ נאָדל, נייערט דורך האַקן מיט אַ שמיד־האַמער” — דאָס מיינט יידיש.

ער דערציילט ווייטער ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען די פּאָפּולערע ליטעראַטור. די סיבה איז, זאָגט ראָסקעס, ווייל פאַרלעגערס האָבן פאַרדינט פון יידישע ביכער — האָבן זיי באַשטעלט ביי מחברים און זיי אַרויסגעגעבן.

ביזנעס, געשעפט איז, הייסט עס, געווען דער מאָטיווירנדיקער פאַקטאָר פון דעם אויפקום פון דער פאָלקס־ליטעראַטור. אָבער ראָסקעס איז דאָך אַ פאָרמאַליסט, באַטראַכט ער דערנאָך די פאָרעם פון דיקס דערציילונגען, די סטרוקטור, זיין סענטימענטאַליזם, זיינע דיגרעסיעס, זיין געקינצלטע פאָלקס־שפּראַך — אַלץ טאַקע וויכטיקע עלעמענטן — אָבער ער פאַרגעסט דעם תוכן — וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דיקס שריפטן, און ווי אַזוי זיי שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן פון זיין צייט. — ער פאַרנעמט זיך ניט מיטן עיקר, נייערט מיט אויסערלעכע פאָרמען, מיט דעם אַלטן רוסישן פאָרמאַליזם, וואָס עס ווערט פּראַקטיצירט אַציינד פון געוויסע קרייזלעך אין אַמעריקע, וואָס האָבן ניט די מינדסטע השפּעה אויף דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

ד״ר ראָסקעס האָט אין זיין רעדע אויך גערעדט וועגן אַ דריטן שטראָם פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס ווערט פאָרמירט אין ישראל און וואָס ווערט אָנגעווענדט פון ראָסקעסן גופא און פון אַלע, וואָס פירן אָן די ליטעראַטור־פאָרשונגען אין ייוואָ און אויף די ווייַנרייך־קורסן. ער דערמאָנט דעם שטראָם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט „סינכראָנישן קוק אויף אַזעלכע אַספּעקטן ווי מעטריק, גראַם און פערזנפאָרעם”. מיט דעם שטראָם פאַרנעמט זיך, האָט געזאָגט ד״ר ראָסקעס, בנימין הרושעווסקי.

ב. הרושעווסקי איז אַמאָל געווען אַ יידישער פּאָעט און האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער „שטויבן”, אין מינכען, אין יאָר 1948. ער האָט געביטן זיין נאָמען אויף ה. בנימין און האָט אויפגעהערט צו שרייבן אויף דעם בידנעם זשאַרגאָן. ער שרייבט אויף העברעאיש פאָרמאַליסטישע קריטיק, וואו ער קייט איבער די אַמאָליקע רוסישע פאָרמאַליסטישע קריטיקער. ער פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג „פרייע ריטמען אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע”, אויף ענגליש.

הרושעווסקי זאָגט, אַז יידישע פּאָעטן זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער רוסישער, דייטשער, פראַנצייזישער, רומענישער, פּוילישער, אַמעריקאַנער און העברעאישער ליטעראַטורן. אויב אַזוי, וואָס האָט די יידישע פּאָעזיע אייגנס? אָבער יידיש האָט דעריאָגט אַלע די ליטעראַטורן (עס איז איז נאָך אַ חסד וואָס ער גיט צו, אַז יידיש האָט דעריאָגט די דאָזיקע ליטעראַטורן). און אַזוי ווי יידיש האָט דעריאָגט, קאָן זי דעריבער דינען ווי אַ קוואַל פאַר דער פאַרשטענדעניש פון דער ליטעראַטור. דערנאָך רעדט ער אַרום די ריטמיק. פאָרשן ריטמיק איז אַזוי אַרום נאָך אַ שטראָם פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס שטאַמט פון ירושלים און מיט וואָס מען דאַרף זיך אָפּגעבן. איז פאָרשן ריטמיק געוויס וויכטיק, אָבער אַציינד באַנוצט מען זיך אין דער ריטמיק־פאָרשונג מיט קאָמפּיוטערס.

ד״ר ראָסקעס האָט כאַראַקטעריזירט חנא שמערוקן ווי איינעם, וואָס גיט זיך אָפּ „מיט די אינעווייניקסטע טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור”. אָבער איידער מיר וועלן באַטראַכטן זיין צוגאַנג, וואָס ווערט אָנגעווענדט פון דעם ייוואָ (ער איז אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אויף די ווייַנרייך־קורסן און אַ בעל־השפּעה אויף די, וואָס פירן אָן מיטן ווייַנרייך־צענטער), דאַרף מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין באַציאונג צו יידיש. ביי אַ באַגעגעניש ביי שמערוקן אין הויז אין ירושלים מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אָנגעשריבן זיין בוך פרצעס ייאוש וויזיע אויף יידיש, ווייל ער האָט צוגעזאָגט ווייַנרייכן צו שרייבן דעם בוך אויף יידיש, אָבער מער וועט ער קיין אַרבעטן אויף יידיש ניט שרייבן. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז די יידישע ליטעראַטור־קאַטעדרע ביים ירושלימער אוניווערזיטעט גרייט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים אויף יידיש און העברעאיש, אָבער אַלע אַריינפירן, דערקלערונגען און הערות וועלן געגעבן ווערן נאָר אויף העברעאיש. מענדעלעס רוסישע בריוו וועלן געגעבן ווערן אויף רוסיש און אין אַ העברעאישער איבערזעצונג — און ניט אויף יידיש.

אין זיין אַרטיקל „יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד — געשיכטע און פּערספּעקטיוון” זאָגט פּראָפ. שמערוק: „די סאָוועטישע מאַכט איז ניט געגאַנגען אויף פּשרות, וואָס שייך די צוויי סאַמע וויכטיקסטע שפּראַך־תחומים פון יידישער קולטור, וואָס זיינען אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן במשך פון די צוואַנציקער יאָרן. מע האָט ניט דערלויבט צוריק אויפשטעלן קיין העברעאישע קולטור־אינסטיטוציעס. מ׳האָט פאַקטיש אויך גאָר נישט דערלויבט אין געביט פון דער יידישער שעפערישער קולטור אויף רוסיש... די סאָוועטישע מאַכט האָט דאָ און דאָרט עפּעס דערלויבט, אָבער נאָר אין די געביטן, וואָס געפינען זיך אין שטענדיקער רעגרעסיע, סיי

אין זייער וואָג, סיי אין זייער פאַרנעם און סיי אין זייער פּאָטענציעלער השפּעה. צוליב די אָדער אַנדערע סיבות איז יידישע רעליגיע און די יידישע שפּראַך מער ניט אַטראַקטיוו פאַר אַן אַבסאָלוטער מערהייט אָדער אַפילו ביי באַדייטנדיקע צאָלן פון יידן" (די גאָלדענע קייט, נומ׳ 76, תל־אביב, 1972. זייטן 145 ־ 146).

דאָ זעט מען קלאָר: שמערוק האַלט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג דערלויבט ניט קיין יידישע קולטור־אַרבעט אויף העברעאיש און רוסיש, ווייל דאָס האָט אַ באַדייטונג. אויב זי דערלויבט אַ ביסל קולטור־אַרבעט אויף יידיש איז עס דערפאַר, ווייל יידיש געפינט זיך אין אַ שטענדיקער רעגרעסיע, דעריבער האָט עס ניט קיין באַדייטונג. ער עצהט דעריבער אַז מען זאָל פאָדערן חוץ רעכט פאַר עליה, יידישע קולטור־אַרבעט, בעיקר אויף העברעאיש און רוסיש „וואָס האָבן דאָרטן די גרעסטע אויסבליקן" (זעלביקער אַרטיקל, זייט 148). דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין שמועס און זיין ציטירטער אַרטיקל דריקן אויס זיין צוגאַנג צו יידיש און צו יידישער קולטור־אַרבעט. עס איז אַ נעגאַטיווער צוגאַנג — און אַזוי איז זיין צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור — צו מומיזירן זי און אויסצופאָרשן זי פון דעם דאָזיקן קוק־ווינקל.

פּראָפ. שמערוקס „פּרצעס ייאוש־וויזיע" (ייוואָ, ניו־יאָרק 1971) — אַ שטודיע וועגן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין באַנעם און צוגאַנג. ער האָט קאָרעגירט דעם טעקסט, נומערירט די שורות און גיט אָן די מקורים פון וואַנען געוויסע אויסדרוקן און פערזן שטאַמען. ער פאַרגלייכט די פאַרשיידענע נוסחאות און גיט די פאַרשיידענע טעקסט־וואַריאַנטן. אין זיין אַריינפיר באַנוצט ער זיך מיט דער גאַנץ רייכער ליטעראַטור, וואָס איז וועגן דער דראַמע געשריבן געוואָרן. אָבער דאָ איז פּאַסיק צו דערמאָנען, אַז די גרונט־אַרבעט וועגן דער דראַמע האָט אָנגעשריבן מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק מאַקס עריק אין זיין „קאָנסטרוקציע־שטודיען" (וואַרשע, 1924), וואו ער האָט שוין געהאַט גרינטלעך באַהאַנדלט די פאַרשיידענע טעקסטן פון דער דראַמע. עריק דערמאָנט די השפּעות פון וויספּיאַנסקיס דראַמע „חתונה" אויף „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". (וועגן דעם האָט מען שוין געשריבן, ווען פּרץ האָט נאָך געלעבט, און פּרץ האָט עס געלייקנט). אָבער עריק ווייזט אָן, אַז עלעמענטן פון דער דראַמע, ווי דאָס מישן זיך פון די לעבעדיקע און די טויטע געפינען זיך שוין אין פּרצעס דערציילונג „די טויטע שטאָט", וואָס ער האָט געשריבן צווישן 1895—1900, מיט אַ צייט פריער איידער וויספּיאַנסקי האָט אָנגעשריבן זיין „חתונה". אָבער שמערוקס לאַנגע אָפּהאַנדלונג „וועגן ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" באַשטייט אין דעם, וואָס ער לייענט אַריין אין טעקסט גופא זאַכן, וואָס זיינען דאָרטן ניטאָ. ער טייטשט אַריין דאָס, וואָס ער האַלט, אַז פּרץ האָט געוואָלט זאָגן. ס׳איז אַ מין דרוש, וואָס מען קאָן אָננעמען אָדער ניט. אָט האָט דער רעזשיסער אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי די דראַמע אויפגעפירט אין אַמאָליקן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער — ער האָט אויך אַריינגעטייטשט און אויסגעטייטשט גאָר עפּעס אַנדערש ווי פּראָפ. שמערוק טוט. שמערוקס מעטאָד פון אַריין־לייענען אין טעקסט איז אַ מעטאָד, וואָס פאַרפירט אויף פרעמדע וועגן און גיט אַ פאַרשטעלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז זיין אייגענע אויסטייטשונג און איז פרעמד דער טראַדיציע און זין פון אונזער ליטעראַטור.

פּראָפ. שמערוק האָט רעדאַגירט די זאַמלונג פון דערציילונגען, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן אויף העברעאיש (שלום עליכם, כתבים עבריים, ירושלים, 1976). אין דער ערשטער שורה פון זיין אַריינפיר זאָגט שמערוק: „שלום עליכם איז געווען אַ דריי־שפּראַכיקער שרייבער. ער האָט געשריבן יידיש, העברעאיש און רוסיש". שלום עליכם האָט צופעליק אָדער אפשר ניט צופעליק אָנגעשריבן פיר דערציילונגען אויף רוסיש — און אַ צוויי צענטליק אויף העברעאיש, וואָס די מערסטע פון זיי האָט שלום עליכם געהאַט געשריבן פריער אויף יידיש און דערנאָך האָט ער זיי איבערגעזעצט אויף העברעאיש, און פּראָפ. שמערוק דערקלערט אים שוין ווי אַ דריי־שפּראַכיקן שרייבער. אין דעם זעלביקן פּאַראַגראַף זאָגט שמערוק: שלום עליכם האָט געהאַלטן, אַז די יידישע ליטעראַטור באַשטייט פון די שאַפונגען אויף די דריי שפּראַכן און ער האָט געשטרעבט אויסצודריקן די דאָזיקע דריי־שפּראַכיקע אַחדות אין זיין שאַפן. אָט אַזוי ווערט פאַרוואַנדלט דער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין איינעם, וואָס וויל ניט בלויז זיין אויך אַ העברעאישער סופר, נייערט אַפילו אַ רוסישער. דאָס אַלץ אויפן גרונט פון צופעליקע דערציילונגען. אַזאַ מין אויסטייטשונג קאָן נאָר פאַרקלענערן דעם אָנזען פון דער יידישער ליטעראַטור און פון איינעם פון אירע קלאַסיקער.

פּראָפ. שמערוק שרייבט אַצינד אויף העברעאיש אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. דער אָנהייב פון זיין אַרבעט איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש און איז פּובליקירט אין פנקס, באַנד דריי, ניו יאָרק 1976. דאָרט אַנטוויקלט ער זיין אייגענעם אינעווייניקסטן צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור.

די הויפּט־טעאָריע זיינע באַשטייט אין דעם וואָס ער האַלט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז געווען אַ מין אַפּענדיקס צו דער העברעאישער און אַז זי האָט געקאָנט אויסשפּילן נאָר די בלויזן, די לעכער וואָס העברעאיש האָט פאַר איר איבערגעלאָזט. אַזוי

האַלט ער אין איין אונטערשטרייכן ווי די יידישע ליטעראַטור איז געווען באַגרענעצט, און ווידער אַ מאָל באַגרענעצט צו די לעכער און בלויזן. פּראָפּ. שמערוק ברענגט אַ סך ווערטיקע דאָקומענטן און כתב־ידן, וואָס זיינען געווען ביז לעצטנס אומבאַקאַנט, אָבער אַלץ צו באַשטעטיקן זיין טעאָריע, אַז יידיש האָט געקענט און האָט געהאַט די מעגלעכקייטן נאָר אויסצופילן די בלויזן, וואָס העברעאיש האָט פאַר איר איבערגעלאָזט.

מיט פּראָפעסאָר שמערוקן קאָן מען נאָך דיסקוטירן, אָבער אַזאַ מין דיסקוסיע איז ניט מעגלעך מיט דעם, וועגן וועמען ד״ר ראָסקעס זאָגט, אַז ער פאַרטרעט די נייע קריטישע טעאָריעס און וואָס איז דער באַליבטסטער מענטש אין ייוואָ — דן מירון — דער זייער אָפטער גאַסט־פּראָפעסאָר פון דער יידישער ליטעראַטור אויף די ווייַנרייך־קורסן און אויף דער אַטראַן־קאַטעדרע. מיר האָבן דערמאָנט פריער, אַז ער רעדט און שרייבט נאָר העברעאיש און ענגליש. יידיש ריידן אָדער שרייבן, זאָגט ער, קאָן ער נישט. אָבער ער לערנט עס מיט די ייוואָ־סטודענטן די יידישע ליטעראַטור.

אײדער מיר וועלן באַטראַכטן זיינע טעאָריעס, מיט וועלכע ער איז מזכה זיינע תלמידים, לאָמיר דאָ עפּעס דערציילן:

אין ישראל ווערט לעצטנס אַ סך געשריבן וועגן דעם יידיש־העברעאישן דערציילער, דראַמאַטורג און פּאָעט יעקב שטיינבערג (1887—1947). די „כנענים" און די אולטראַ־מאָדערניסטן האַלטן אין איין שרייבן וועגן אים, אָבער זיי פאַרשווייגן, אַז ער האָט געשריבן אויף יידיש. אָבער דער קריטיקער ישראל כהן אין זיין בוך וועגן שטיינבערגן (יעקב שטיינברג האיש ויצירתו, תל־אביב, 1972) און גדעון קצנלסון (מאזנים, פעברואַר 1974) שרייבן אויך וועגן זיינע יידישע שריפטן. דן מירון האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אַן עסיי וועגן שטיינבערגן אין תל־אביבער „הארץ" און האָט ווי די אולטראַ־מאָדערניסטן ניט דערמאָנט אַז אַחוץ העברעאיש, האָט שטיינבערג געשריבן גאָר אַ סך אויף יידיש. ווען מיר האָבן אים שפּעטער געפרעגט פאַרוואָס דער פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור האָט איגנאָרירט יעקב שטיינבערגס יידישע שריפטן, האָט ער אַפילו ניט געענטפערט... דאָס כאַראַקטעריזירט גאַנץ גוט מירונס צוגאַנג צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. דן מירון האָט אָנגעשריבן אויף ענגליש אַ בוך אונטערן נאָמען „אַ רייזנדער פאַרשטעלט" מיטן אונטערקעפּל „דער אויפשטייג פון דער מאָדערנער יידישער בעלעטריסטיק אין ניינצנטן יאָרהונדערט". דאָס בוך איז אָפיציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן פון שאָקען־פאַרלאַג, אָבער אויף דער צווייטער זייט ווערט אָנגעגעבן, אַז עס איז דערשינען מיט אַ סובווענץ פון ייוואָ. דאָס מיינט, אַז דער ייוואָ האָט פינאַנסירט די אויסגאַבע פון בוך, וואָס ווערט טאַקע באַנוצט אויף די ווייַנרייך־קורסן.

די הויפּט־טעזע פון בוך איז, אַז די יידישע שרייבער פון 19טן יאָרהונדערט, מיטן אויסנאַם פון איינעם אָדער צוויי, האָבן זיך באַצויגן מיט האַס צו יידיש און האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרניכטן דעם זשאַרגאָן. מירון חזרט איבער, אַז אַלע יידישע שרייבער האָבן פיינט געהאַט יידיש — אַקסענפעלד, לעפין, י. ב. לעווינזאָן, מ. י. ליפשיץ, א. מ. דיק, מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פּרץ. ער מאַכט צו גאָרנישט לעפינס פּאָזיטיווע מיינונג וועגן יידיש. אַפילו לינעצקי, וואָס איז אַרויסגעקומען פאַר יידיש, האָט געצילט, זאָגט ער, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל פאַרשווינדן און האָט אַגיטירט, אַז מען זאָל אַדאָפּטירן רוסיש (ז' 56־58).

אַזוי ווי מירון גיט זיך אָפּ בעיקר מיט מענדעלען, ציטירט ער אַ טייל פון מענדעלעס דערקלערונג פאַרוואָס ער איז איבערגעגאַנגען פון העברעאיש אויף יידיש. אָט וואָס ער ציטירט:

„דעמאָלסט האָב איך אַזוי געטראַכט: איך קוק זיך צו צום לעבן פון מיין פאָלק און איך וויל אים געבן סיפּורים פון יידישן קוואַל אויף דער הייליקער שפּראַך. דאָס רוב אָבער פאַרשטייט דאָך נישט די דאָזיקע שפּראַך, זיי רעדן אויף עברי־טייטש. און וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט ניט קיין נוץ זיין פאָלק? די דאָזיקע פראַגע: פאַר וועמען אַרבעט איך? האָט מיך נישט געלאָזט רוען און האָט מיך געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט".

מירון גיט ניט די גאַנצע דערקלערונג, ווי זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נחום סאָקאָלאָווס „ספר הזכרון", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע אין 1889, און וואו ער זאָגט, אַז דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו שרייבן יידיש — אָבער ער טייטשט עס אויס... און שיקט אָפּ דעם לייענער ניט צום „ספר הזכרון", נאָר צו „כל כתבי ממ״ס", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב אין 1947. אין אַ וויסנשאַפטלעכן בוך פירט מען זיך, אַז מען ציטירט דעם מקור, אָבער מירון ציטירט אַ שפּעטערדיקן קוואַל אויסגערעכנטערהייט און מיט אַ סיבה. מיט 25 יאָר שפּעטער האָט מענדעלע צוגעשריבן אַ זאַץ, וואו ער זאָגט אַז ער האָט געהערט „דעם מוסר פון מיין שאַנד פון מויל פון מיינע ליבהאָבער, די חובבים פון העברעאיש פאַר פאַרשוועכן מיין נאָמען און מיין כבוד ביי יידן ווען איך האָב געגעבן מיין כוח צו אַ פרעמדער פרוי"... מירון דערמאָנט יאָ, אַז מענדעלע האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיך פאַרקנסט צו יידיש אויף אייביק — אָבער דעם גאַנצן טעקסט האָט ער פאַרט ניט געגעבן, — מיסתמא כדי ער זאָל קענען דרשענען.

און ער דרשנט טאַקע. מענדעלע, זאָגט מירון, האָט געמיינט, אַז יידיש איז אַ פרעמדע פרוי און אַז יידישע בעלעטריסטיק שטעלט פאָר אירע אומגעזעצלעכע קינדער (זייט 16). מענדעלע, דערקלערט ווייטער פּראָפעסאָר מירון, האָט באַטראַכט זיין שרייבן יידיש ווי „פּראָמיסקיואָס”, וואָס מיינט „סעקסועל ניט איבערקלייבעריש”, און וואָס קאָן אויסגעלייזט ווערן דורך חתונה און דורך כסדרדיקער באַפרוכפּערונג. דעריבער האָט מענדעלע נעבעך געמוזט זיך פאַרקנסן צו יידיש...

אין בוך איז דאָ אַ קאַפּיטל „אַ שפּראַך ווי קאַליבאַן”. קאַליבאַן איז אַ געשטאַלט אין שעקספּירס „דער שטורעם”. קאַליבאַן איז אַ מגושמדיקע, גראָבע, חיהשע און דעגראַדירטע באַשעפעניש. מירון ציטירט טאַקע פון דער דראַמע, וואו פּראָספּעראָ זאָגט, אַז קאַליבאַן איז טאַקע אַ שקלאַף, אַ רשע, אָבער מען מוז אים האָבן, ווייל „ער מאַכט פאַר אונז דאָס פייער, ער טראָגט דאָס האָלץ און זיין אַרבעט ברענגט אונז נוצן”. און דערנאָך גייט ווייטער נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל ווי אַזוי די יידישע שרייבער האָבן געהאַסט יידיש. אָבער פּונקט ווי מען האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט קאַליבאַנען האָבן זיך יידישע שרייבער געמוזט באַנוצן מיט יידיש! אַז מען לייענט ווי אַזוי מירון צעלייגט אויף טעלערלעך ווי אַזוי יידישע שרייבער האָבן געהאַסט יידיש, פרעגט זיך: וועלכער סטודענט וועט עס דערנאָך אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו שטודירן יידיש און די יידישע ליטעראַטור?

מירון זאָגט ווייטער, אַז די יידישע שרייבער האָבן זיך באַנוצט מיט אַ פּערסאָנאַ, אַ פירשפּרעכער, און אַז מענדעלע און שלום עליכם האָבן זיך פאַרשטעלט מיט מאַסקעס, ווייל יידיש האָט געפּאַסט מערער פאַר נאָכמאַכונג, ווי פאַר קינסטלערישן אויסדרוק.

די גרעסטע אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער פון אונזער צייט, אַלפרעד קייזין, ליאָנעל טרילינג און עדמונד ווילסאָן האָבן איגנאָרירט אין זייער קריטיק דעם פאָרמאַליזם און אָפּט אים אויסגעלאַכט. די יידישע קריטיקער בעל־מחשבות, ש. ניגער, יואל ענטין, ש. גאָרעליק י. ראַפּאָפּאָרט, י. י. טרונק, אברהם טאַבאַטשניק, יעקב גלאַטשטיין, ב. ריוווקין — זיי האָבן איגנאָרירט אַזאַ מין קריטיק. מירונס כלומרשטער אַנאַליז פון טעקסטן איז אינגאַנצן פרעמד דער טראַדיציע פון יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג און זאָגט כמעט גאָרנישט, ווייל ער איגנאָרירט דעם אינהאַלט. דער באַקאַנטער בריטישער קריטיקער וו. ס. פּריטשעט האָט אַנומלטן געזאָגט, אַז דער ערגסטער שונא פון אַ ראָמאַניסט איז דער מעטאָד, ווי אַזוי מען לערנט אין געוויסע אוניווערזיטעטן דעם ראָמאַן מיט די טעקסט־אַנאַליז. (ניו־יאָרק — רעוויו אָוו בוקס, 26 מאַי 1977).

מירון ווענדט אָן דעם מעטאָד וואָס פּריטשעט מיינט און מירון ווייזט טאַקע ווי גערעכט עס איז דער באַרימטער בריטישער קריטיקער.

רוטה ווייס, אַן אָפּטע לערערין אויף די וויינרייך־קורסן, איז אויך אַן אָנהענגערין פון דעם עקסטרעם־פאָרמאַליסטישן מעטאָד. דעריבער לויבט זי אַזוי מירונס בוך אין אַ רעצענזיע וועגן בוך (מידסטרים, מאַי 1975). זי זאָגט אָן די פריילעכע בשורה, אַז מירונס בוך איז ניט בלויז אַ וויכטיקער דאָקומענט פאַרן ענגלישן לייענער צו פאַרשטיין די יידישע ליטעראַטור (!) נייערט עס איז אויך אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין איבערפירן דעם צענטער פון שטודירן די יידישע ליטעראַטור פון יידיש צו ענגליש. זי דערקלערט אויך, אַז מירונס בוך איז די ערשטע וויסנשאַפטלעכע שטודיע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש. דאָס זאָגט זי, בשעת אין 1899, מיט 78 יאָר צוריק, איז אַרויס אויף ענגליש לעאָ ווינערס „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט”, וואָס איז געווען אַ קוואַל פון וויסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור. דער גרויסער מומחה פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, זלמן רייזען, האָט אויסגענוצט דאָס בוך פאַר זיין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. (לעצטנס איז דאָס בוך אַרויס אין אַ נייער אויפלאַגע). פרוי ווייס זאָגט עס בשעת עס זיינען אַרויס פריער אויף ענגליש צוויי הערלעכע ווערק וועגן דער יידישער ליטעראַטור — „די וועלט פון שלום עליכם” און „פּרינץ פון געטאָ” (וועגן י. ל. פּרצן) — ביידע פון מאָריס סעמועל. גערעכט איז ד״ר נאַקס וואָס גיט זיך אָפּ אַ לעבן־לאַנג מיט לערנען און לייענען לעקציעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור, ווען ער האָט געשריבן, אַז דן מירון שרייבט ווי אַ פרעמדער און אַז: „פאַר די, וואָס זיינען ניט באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וועט דן מירונס בוך אין ענגליש אָנטאָן שאָדן” ((פאָרווערטס, 4־טער פעברואַר, 1974).

עס בלייבט אונז נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן בעל־דעה אין ייוואָ און פון וויינרייך־צענטער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן נייעם וועג פון ייוואָ, וואָס פירט פון ירושלים קיין ניו־יאָרק — ד״ר מאַרווין הערצאָג. פּראָפ. הערצאָג איז אַמאָל געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ שלום עליכם זונטאָג־שול. ער איז דער מחבר פון אַ דיסערטאַציע „די יידישע שפּראַך אין צפון־פוילן”. אין דער שטודיע גיט ער זיך אָפּ מיט די פאַרשיידענע דיאַלעקטן פון יידיש, וואָס קומען זיך צונויף אין צפון־פוילן. ער פאַרנעמט זיך מיט די „איסגלאָסן” — מיט די גרענעץ־ליניעס צווישן די פאַרשיידענע קאַנטן, וואָס אונטערשיידן זיך אין ספּעציפישע לינגוויסטישע שטריכן און אין געוויסע מנהגים. ער ווייזט אָן, למשל, ווי די אונטערשיידן אין צוגרייטן געוויסע מאכלים אין

# 80 יאָר „בונד“

אַכציק יאָר בונד! אַכציק יאָר אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג! סאַרע פּרעכטיקע דאַטע צו יום־טובן! אַנדערש וואָלט איצט דאָס ליד געזונגען געוואָרן, ווען ניט דער אַכזריותדיקער נאַצי־הוראַגאַן, וועלכער האָט אומגעבראַכט די „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט“, די שטענדיק קעמפעריש גרייטע אין אַוואַנגאַרד פון מענטש־ און וועלט־באַפרייאונג.

מיט אונזער אַקצענטירן „יידישע אַרבעטער־באַוועגונג“, מיינען מיר די באַוווּסטע קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז פון די סאַמע ערשטע געווען צו פריידיקן צדק און יושר. ווי אַ ביישפּיל שיינען דאָך אויף אַלע אייביקייטן און פאַר אַלע פעלקער די דונערדיק־וואָרנענדיקע ווערטער פון די יידישע נביאים: עמוס, ישעיהו, ירמיהו און אַנדערע.

אַכציק יאָר בונד! הונדערטער יאָרן, הויפּטזאַכלעך אין די מזרח־אייראָפּעאישע תחומען, זיינען די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן, גייסטיק אָפּגעשטאַנענע פאַר אייגענע און וועלט־פּראָבלעמען, ביטולדיק באַטראַכט געוואָרן פון דער יידישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע. געדריקט פון אינעווייניק און רעכטלאָז אין לאַנד פון אַבסאָלוטיסטישן צאַריזם, האָבן זיי אין זיך אָנגעזאַמלט פּראָטעסטן, נישט אויסגעשריגענע.

מיט דעם אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַדאַנק דעם אַריינדרינגען אין דער יידישער גאַס פון סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, האָבן די יאָרנלאַנג פאַרדרענגטע פּראָטעסטן זיך אויפגעלייזט פון זייערע שקלאַפן־קייטן.

די בכורה פון אָט דער אויפוואַכונג געהערט דעם בונד. דאָס האָט דאָך דער בונד, מיט זיין אויפקלערן די יידישע מאַסן, אין זיי אָנגעהויבן אויסרייפן דעם טיף־מענטשלעכן געדאַנק, אַז קעמפנדיק האַנט ביי האַנט מיטן פאַרפאָלגטן און עקספּלואַטירטן פון אַנדערע פעלקער, ווערט אויך איינצייטיק אויסגעקעמפט זייער אייגענע רעכט.

און דאָ הייבט אָן יידיש לשון, ווי אַ הויפּטפאַקטאָר, פאַרנעמען די סאַמע מזרח־וואַנט. ניט בלויז סתם פּאַרטייאיש־אויפקלערעריש, נאָר יידיש ווערט דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט צו צעמענטירן די געביידע פון אַן אייגן יידיש קולטור־לעבן.

אַדאַנק די מאַסן, גרופּירט אַרום דעם בונד, ווערן סטימולירט די יידישע שעפערישע כוחות צו שאַפן דאָס ליד, דערציילונג און ראָמאַן. דער שרייבער, וואָס האָט דערהערט דאָס אויסזינגען זיין ליד, דאָס פאַרטיפן זיך אין לייענען זיינע שאַפונגען, דאָס זוכן דעם „ווי אַזוי“ צו באַהאַנדלען די טעמאַטיק און די אַרויסגעבראַכטע פּראָבלעמען, האָט דערזען פאַר זיך אַ ברייט פעלד, וואָס איז בכוח גייסטיק צו שפּייזן מיליאָנען. ווי עכטע טויכער, האָבן די יידישע שרייבער זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפסטע טיפענישן פון גרויסן פאָלקס־פאַרמעגן.

פון יענעם טויזנט־יאָריקן עבר, דעם עטישרייכן אין מחשבות, האָבן זיי פאַרוואָרפן אַ בריק צום היינט. דער אָנגעזאַמלטער פאָלקס־פּראָטעסט האָט דורך די ראַפינירטע שאַפונגען פון זיידן מענדעלע געשמיסן דעם תקיף. דער אָרימער און באַוווּסטער מאַסן־מענטש, ביז דעמאָלט אַן איגנאָרירטער און פאַרגעסענער, מיט פּאָעטישער ליבע דורך י. ל. פּרצן אויסגעפּראָשעט פון אַלערליי שטויבן, האָט אויפגעפינקלט ווי אַ גאָר טייערער פּערל. דער געניאַלער שלום־עליכם האָט מיט זיין וויינענדיק לאַכן און אויסלאַכן אַזוי עכט אָפּגע־

---

פאַרשיידענע געגנטן, ווי געפילטע פיש, רעפלעקטירן די ענדערונגען אין דיאַלעקטן. עס איז אַ העכסט־טעכנישע אַרבעט, פאַר וועלכער ער האָט אויסגענוצט אַלע מאָדערנע מיטלען פון פאָרשונג, — אָבער די שטודיע האָט קיין שום פאַרבינדונג ניט מיטן לעבעדיקן יידיש. עס האָט ניט קיין פאַרבינדונג מיט דער לעבעדיקער יידישער קולטור. די אויספאָרשונג טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן אַרכעאָלאָגישער שטודיע, וואָס איר ציל איז צו פאַרוואַנדלען יידיש אין אַ מומיע.

די פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יידיש האָט אַ סך דערגרייכט. אין דער אַרבעט האָבן אָנטייל גענומען מענטשן מיט ליבע צום ענין, מיט איבערגעגעבנקייט, פאַרנעם און פאַרשטענדעניש. די וואָס זיינען איצט קאָנצענטרירט אַרום ייוואָ, — אַלע זיינען באַווירקט פון דעם ירושלימער מעטאָד פון יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג; זיי זיינען נאָר טעכניקער וואָס טוען זייער אַרבעט אָן ליבע, אָן געפיל, אָן אַחריות און באַציען זיך נעגאַטיוו צו יידיש. זיי גיבן אַ פאַלש בילד פון דער יידישער ליטעראַטור. דעריבער קאָן זייער אַרבעט נישט האָבן קיין השפעה אויף דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג, נישט בלויז אויפן פעלד פון יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, נייערט אויך ניט אויפן המשך פון דער יידישער ליטעראַטור און אויף דער יידישער קולטור.